בס"ד

# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קפז**

**שמיני**

בענין

**קושית האחרונים על דברי התוספות במסכת שבת – דמשמע שאין איסור לזר לעלות לדוכן**

**חלק ב'**

**וַיִּשָּׂא אַהֲרֹן אֶת יָדָיו אֶל הָעָם וַיְבָרְכֵם וַיֵּרֶד מֵעֲשֹׂת הַחַטָּאת וְהָעֹלָה וְהַשְּׁלָמִים׃** (ויקרא ט, כב)

## דברי רש"י

**רש"י** דא על אתר איז מפרש דעס וואס שטייט אין פסוק אז אהרן האט אויפגעהויבן זיין הענט 'ויברכם', אז דעס מיינט: **ברכת כהנים - יברכך, יאר, ישא** - דהיינו, די כונה פון די ווארט 'ויברכם' איז אז אהרן הכהן האט געבענטשט כלל ישראל מיט די באוויסטע 'ברכת הכהנים'.

## גמרא ותוספות במסכת שבת

שטייט אין **מסכת שבת** (קיח, ב): **אמר רבי יוסי, מימי לא עברתי על דברי חברי** - איך האט קיינמאל נישט עובר געווען אויף א זאך וואס א חבר האט מיך געזאגט, נאר איך האב עס אלעמאל געטוהן, און רבי יוסי איז ממשיך מיט א דוגמא: **יודע אני בעצמי שאיני כהן, אם אומרים לי חבירי עלה לדוכן אני עולה** - פירוש: אפילו איך בין נישט קיין כהן, אפילו אזוי, אויב א חבר וואלט מיך געזאגט איך זאל ארויף גיין לדוכן, דהיינו, צוזאמען מיט די כהנים פאר ברכת כהנים, וואלט איך ארויף געגאנגען דוכן'ען אפילו איך בין נישט קיין כהן.

קומט **תוספות** על אתר (ד"ה אילו) און שרייבט: **לא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן, אם לא משום ברכה לבטלה שלכהנים אמרה תורה לברך את ישראל** - פירוש: תוספות איז מסביר, אז ער ווייסט נישט וואס איז די גרויסע חידוש פון רבי יוסי, אז ווען מען האט אים געזאגט עלה לדוכן וואלט ער ארויף געגאנגען, וועלכע איסור איז דא פאר א זר צו גיין דוכנ'ען?

## קושית האחרונים

די אחרונים, ובראשם די הייליגע **רמ"א** אין זיין ספר **דרכי משה** (אורח חיים, סימן קכח, אות א) פרעגן אויף דער תוספות זייער א שווערע קשיא. עס איז דא א בפירוש'ע גמרא אין **מסכת כתובות** (כד, ב) ווי די גמרא זאגט בפירוש, אז א זר וואס איז נושא את כפיו, איז עובר אויף א איסור עשה, און ווי **רש"י** איז מסביר דארט (ד"ה דאיסור), ווייל עס שטייט אין פסוק **'כֹּה תְבָרֲכוּ'** (במדבר, ו, כג) דרשנ'ט מען **'אתם ולא זרים'**, דהיינו נאר כהנים מעגן בענטשן כלל ישראל אבער א זר א ישראל מעג נישט בענטשן כלל ישראל, און עס איז א לאו הבא מכלל עשה. איז לפי זה פרעגן די אחרונים, וואס שרייבט תוספות 'לא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן', עס איז דאך א גמרא מפורשת אז עס איז א איסור עשה פאר א זר צו בענטשן ברכת כהנים[1]?

## תירוצו של הטורי זהב

דער **טורי זהב** (באורח חיים סימן קכא סק"ב) ענטפערט א חידוש פון א תירוץ אויף די קושיא ווי ער לערנט אריין א נייער פשט אין די קשיא פון תוספות, וזה לשונו: **ונראה לי דהתוספות מקשים מנלן דעובר הזר בעשה, דלמא התורה הטילה חוב על הכהן לברך, אבל הזר אין עליו חיוב אבל אין עליו איסור, וכהאי גוונא מצינו בפרק הבא על יבמתו** (יבמות נד, ב) **דלמא יבמה יבא עליה לאחר מיתת בעלה מצוה, בחיי בעלה רשות, אי נמי לאחר מיתת בעלה אין, בחיי בעלה לא, ולא הבא מכלל עשה - עשה, תלמוד לומר** (ויקרא כ, כא) **ואיש אשר יקח גו'. שמע מינה שאין מן ההכרח לומר לאו הבא מכלל עשה עשה במקום שיש לפרש לענין חיוב ורשות, הכי נמי גבי דוכן מלנן שיש עשה כיון שאין כאן שום עבודה** - פירוש: די גמרא אין מסכת כתובות שרייבט אז עס איז דא א 'איסור עשה' פאר א זר צו דוכ'ענען,

---

[1] בגליון צד - פרשת נשא שנת תשפב הארכנו בהתירוצים של הרמ"א והמגן אברהם על קושיא זו.

אבער די גמרא ברענגט נישט קיין שום 'מקור' צו מסביר זיין וועלכע איסור עשה איז דא פאר א זר צו עולה זיין לדוכן, וועגן דעם קומט תוספות אין מסכת שבת און פרעגט אויף די גמרא אין מסכת כתובות 'לא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן', דהיינו, דער טורי זהב איז מחדש אז די קשיא פון תוספות איז נישט אויף די גמרא אין מסכת שבת - דהיינו וואס איז די חידוש פון רבי יוסי אז ער איז ארויף לדוכן, נאר די קשיא איז אויף די גמרא אין מסכת כתובות ווי עס שטייט אז עס איז דא א 'איסור עשה' פאר א זר צו עולה זיין לדוכן, קומט תוספות און פרעגט 'לא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן', דהיינו תוספות זאגט אז ווייסט נישט ווי אין די תורה שטייט אז עס איז דא פאר א זר צו עולה זיין לדוכן.

און די **פרי מגדים** קומט גלייך דארט אין משבצות זהב און שרייבט: **ומה שכתב הט"ז על דברי התוספות דהיינו, דודאי יש עשה מההיא דכתובות כד, אלא דמקשה ולא ידע איזה עשה יש, ולא סובר פירוש רש"י** - פירוש: רש"י דארט אין מסכת כתובות שרייבט טאקע ווי איז די מקור פון די איסור פאר א זר עולה זיין לדוכן, דהיינו מען לערנט עס ארויס פון א לימוד 'אתם ולא זרים', אבער תוספות האט נישט געהאלטן פון דער לימוד וואס בעצם האט אויך נישט קיין מקור, נאר עס קומט פון רש"י אליין, און וועגן דעם פרעגט תוספות אז ער ווייסט נישט וועלכע איסור עשה איז דא פאר א זר עולה זיין לדוכן.

און די ט"ז לייגט צו א תוספת הסבר צו די קשיא פון תוספות. דהיינו, אה"נ רש"י שרייבט אז די איסור עשה איז פון דעם וואס די תורה שרייבט אז 'די כהנים' זיי דארפן בענטשן, איז געדרינגן פון דעם אז א ישראל נישט ["אתם ולא זרים"], אבער - זאגט דער ט"ז - נישט אייביג זאגט מען אז אויב די תורה האט געהייסן פאר איינעם עפעס טוהן מיינט עס אז אויב א צווייטער טוט עס, האט ער א איסור עשה, און דער ט"ז ברענגט א ראיה צו דעם פון א בפירוש'ע גמרא אין **מסכת יבמות** (נד, ב) ווי עס שטייט אזוי: **אמר רב הונא... רמז ליבמה שאסורה בחיי בעלה מנין?** - פירוש: עס איז דא א איסור אויף א מענטש צו חתונה האבן מיט די ווייב פון זיין ברידער [חוץ די איסור פון אשת איש], אבער עס איז דא א אויסנאם ווי עס איז אפילו דא א 'מצוה' צו חתונה האבן מיט איר, און דעס איז אויב זיין ברידער איז געשטארבן אן קיין קינדער, איז דא חיוב צו מייבם זיין, זיין ברידער'ס ווייב. קומט רב הונא און פרעגט: ווי איז די מקור אז א ברידערס ווייב גייט זיין אסור 'בחיי בעלה', דהיינו, ווען זיין ברידער האט גע'גט זיין ווייב, און יעצט איז די פרוי שוין נישט 'אשת האח', ווייל עס איז שוין נישט זיין ברידערס ווייב, איז פון ווי ווייסט מען אז די פרוי איז נאך אלץ אסור? קומט די גמרא און זאגט: **האי סברא היא, מדאמר רחמנא: לאחר מיתת בעלה שריא, מכלל דבחיי בעלה אסורה** - פירוש: די גמרא זאגט אז די מקור אויף דעם איז לכאורה פון דעם וואס מען זעהט אז די תורה האט געזאגט אז עס איז דא א מצות עשה פאר א ברידער צו חתונה האבן מיט אשת האח 'במיתת בעלה', דהייינו ווען די ברידער שטארבט אן קיין קינדער, קומט אויס אז די מצות עשה איז דוקא ווען די ברידער שטארב אן קיין קינדער, אבער 'בחיי בעלה', דהיינו אויב די ברידער גט זיין ווייב, איז זי אסור 'באיסור עשה'. זאגט אבער די גמרא: **ודלמא לאחר מיתת בעלה מצוה, בחיי בעלה רשות** - דהיינו לעולם מיז מען נישט אזוי זאגן, און מען קען זאגן אז אין הכי נמי ווען די ברידער שטארב אן קיין קינדער איז דא א מצות עשה צו חתונה האבן מיט די ווייב פון די ברידער, אבער אויב די ברידער גט זיין ווייב, איז נישט דא טאקע קיין מצות עשה, אבער א איסור עשה איז אויך נישט דא, דהיינו עס איז א רשות, אז די ווילסט האב חתונה מיט איר, און אויב נישט, נישט. און אנדערע ווערטער די גמרא קומט צוריק צו רב הונא'ס שאלה 'רמז ליבמה שאסורה בחיי בעלה מנין?' און די גמרא דארט אין יבמות ברענגט א מקור פון ווי מען לערנט ארויס אז אשת האח איז אסור אפילו די ברידער גט זיין ווייב.

על כל פנים זאגט דער ט"ז אז מען זעהט פון די גמרא, אז נישט אייביג ווען עס איז דא א 'מצות עשה', מיינט עס אז אויב מען גייט טוהן די פעולה נישט אויף די אופן פון די עשה איז דא דער 'איסור עשה', אזוי ווי מען זעהט ביי יבמות אז אפילו אשת האח איז מותר מיט א מצות עשה אויף א אופן פון יבום, מיינט עס נאך נישט אז ווען מען האט חתונה מיט איר אויף א אנדערע אופן [ווען די ברידער האט איר גע'גט] איז עס אסור באיסור עשה, איז הוא הדין ביי ברכת כהנים, אפילו די תורה זאגט אז 'די כהנים' דארפן בענטשן כלל ישראל, איז דעם נאך נישט קיין מקור צו זאגן אז א ישראל האט אויף זיך א 'איסור עשה' עולה זיין לדוכן, און לעולם קען זאגן אז עס איז א 'רשות'.

## תירוצו של הבית יעקב

הגאון המופלג **רבי יעקב אב"ד צויזמיר זצ"ל** אין זיין ספר **שו"ת בית יעקב** (סימן קכג - הספר הנ"ל נדפס לראשונה בשנת תנ"ו) ענטפערט אויף דער קשיא מיט א אינטערעסאנטע תירוץ, וזה לשונו: **והנלע"ד בזה דמה שכתבו התוספות ולא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן, אינו ר"י בעל התוספות כמו שהבינו רמ"א והב"ח, אלא ר"ל ר"י ראשית תיבות 'רבי יוסי', שרבי יוסי לא ידע שיש איסור בדבר שזר אינו רשאי לעלות לדוכן, דלא דריש כה תברכו ולא זרים, משום הכי היה אומר שהיה עולה לדוכן. והיינו דקשיא להו להתוספות קושיא זו עצמו, היאך אמר רבי יוסי שהיה ציית לחביריו לעלות לדוכן הא עובר בעשה, משום הכי כתבו תוספות דלא ידע רבי יוסי אם יש איסור בזר כו', דלא ידע דרשה דכה תברכו, ואלו ידע רבי יוסי שיש איסור פשיטא שהיה נזהר ולא היה ציית לחביריו לעבור בעשה, זהו כוונת התוספות לענ"ד בלי ספק, ובזה נסתלקה קושיות רמ"א והב"ח על דברי התוספות** - פירוש: דער בית יעקב קומט מיט א חידוש פון א פשט אין די ווערטער פון תוספות, און ער זאגט אז דעס וואס שטייט אין תוספות 'ולא ידע ר"י מה איסור יש בזה העולה לדוכן', איז בפשטות איז מען מפענח די ווערטער פון תוספות אז 'ר"י' מיינט דער באוויסטע **'רבינו יצחק' מבעלי התוספות** - און אויב אזוי לערנט מען אפ די תוספות, אז דער ר"י מבעלי התוספות איז שווער געוועהן אויף רבי יוסי - וואס איז בכלל די חידוש אז ער וואלט ארויף געגאנגן לדוכן - מה איסור יש בזר העולה לדוכן? און לפי זה איז טאקע שווער די קשיא פון דער רמ"א, אז עס איז א בפירוש'ע גמרא אז א זר העולה לדוכן איז עובר אויף א עשה. זאגט אבער דער בית יעקב, אז די ריכטיגע וועג ווי אזוי צו מפענח זיין די ווערטער פון תוספות איז: 'ולא ידע **"רבי יוסי"** מה איסור יש בזר העולה לדוכן', דהיינו די ראשי תיבות פון 'ר"י' גייט נישט ארויף אויף רבינו יצחק מבעלי התוספות, נאר אויף רבי יוסי - דער תנא. און אויב מען איז אזוי מפענח די ווערטער פון תוספות, האבן מיר אינגאנצן א נייע פשט אין תוספות, דהיינו תוספות האט געלערנט די גמרא אין מסכת שבת ווי עס שטייט אז רבי יוסי האט געזאגט 'אם אומרים לי חבירי עלה לדוכן אני עולה', און תוספות איז שווער געוועהן אויף רבי יוסי די קשיא וואס די רמ"א אליין פרעגט: ווי אזוי האט רבי יוסי געמעגט עולה זיין לדוכן? עס איז דאך דא א 'איסור עשה' פאר א זר עולה צו זיין

לדוכן, אזוי ווי עס שטייט אין מסכת כתובות? אויף דעם קומט תוספות און ענטפערט: **'ולא ידע רבי יוסי מה איסור יש בזר העולה לדוכן'** - פירוש: די טעם פארוואס רבי יוסי וואלט ארויף געגאנגן לדוכן איז פשוט ווייל 'רבי יוסי' האט נישט געוויסט פון די לימוד פון 'אתם ולא זרים', און אז עס איז דא א איסור עשה פאר א זר צו עולה זיין לדוכן, און וועגן דעם וואלט רבי יוסי ארויף געגאנגן לדוכן. אבער אין הכי נמי ווען רבי יוסי וואלט געוויסט די לימוד פון 'אתם ולא זרים' איז א דבר פשוט אז רבי יוסי וואלט נישט געפאלגט זיינע חברים, און ער וואלט נישט עולה געווען לדוכן!

## תירוצו של המגן גיבורים - והערות המשנה ברורה - ודברי הכתב סופר

די צוויי שוואגערס די גאוני עולם ארזי הלבנון אדירי התורה **רבי מרדכי זאב איטינגא זצ"ל** און **רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זצ"ל** [ה"שואל ומשיב"] אין זייער ספר **מגן גיבורים** (סימן קכח סק"ב) ענטפערן אויף דער קשיא, וזה לשונם: **לדעתינו נראה בישוב קושיית הרמ"א, דכוונת התוספות שם הוא ליישב הא דאמר רבי יוסי הייתי עולה, אף דודאי איכא איסור עשה בזר העולה לדוכן, אמנם באמת זה ודאי דהא דאמרה תורה - אתם ולא זרים, אינה רק במתכוין לעבודה זו, ואז שפיר איכא עשה, אבל אי לא מכווין כלל לכוונת המצוה, פשיטא דאין כאן איסור עשה כלל, וכיון שכן ממילא רבי יוסי דלא היה מתכווין למצוה כלל, אך רצונו היה שלא לעבור על דברי חבריו, אם כן פשיטא דליכא איסור עשה כלל. וזהו שכתבו התוספות דלא ידע ר"י מה איסור יש בזה אם לא משום ברכה לבטלה, והיינו בכהאי גונא דלא היה מכווין רבי יוסי למצוה, וזה ברור** - פירוש: דער מגן גיבורים איז מחדש, אז די איסור עשה וואס א זר האט ווען ער איז עולה לדוכן, איז דוקא אויף א אופן ווען ער גייט 'בדעה תחילה' צו מקיים זיין די מצות עשה פון ברכת כהנים, נאר דעמאלטס איז ער עובר אויף די עשה פון 'אתם ולא זרים', אבער אויב די זר גייט ארויף לדוכן און ער האט בכלל נישט בכונה צו מקיים זיין די מצות עשה פון ברכת כהנים, אויף אזא אופן איז די זר נישט עובר אויף די איסור עשה פון אתם ולא זרים. זאגט דער מגן גיבורים, אז די סוגיא אין מסכת כתובות ווי עס שטייט אז א זר העולה לדוכן איז עובר אויף א איסור עשה, איז דוקא ווען די זר גייט ארויף מיט א כונה צו מקיים זיין די מצוה פון ברכת כהנים, מה שאין כן דא ביי רבי יוסי איז דאך א דבר פשוט אז רבי יוסי איז בכלל נישט ארויף לדוכן כדי צו מקיים צו זיין די מצוה פון ברכת כהנים, און די גאנצע טעם פארוואס פארוואס ער איז ארויף לדוכן זאגט דאך רבי יוסי קלאר איז מטעם 'מימי לא עברתי על דברי חברי', און אויב אזוי האט ער בכלל נישט געהאט בכונה צו מקיים זיין די מצוה ברכת כהנים, און אויף אזא פאהל איז מען דאך נישט עובר אויף די איסור עשה. און וועגן דעם קומט תוספות און פרעגט 'מה איסור יש בזר העולה לדוכן', ווייל ווען א זר איז עולה לדוכן און ער האט נישט בכונה צו מקיים זיין די מצוה פון ברכת כהנים איז ער דאך נישט עובר אויף די מצות עשה.

דער כהן הגדול מאחיו אין זיין ספר **משנה ברורה** (סימן קכח ס"ק ג), ברעגנט אראפ די תירוץ פון דער מגן גיבורים און ער איז מוסף אן הערה אויף די תירוץ, וזה לשונו: **כתב בספר מגן גבורים דהא דאמרה תורה אתם ולא זרים אינו רק במתכוין לכוונת המצוה, אבל אי לא מכוין כלל לכוונת המצוה רק שלא לעבור על דברי חבריו שחשבו שהוא כהן ואמרו לו עלה לדוכן פשיטא דאין כאן איסור עשה כלל, עיי"ש. "ונראה לי דכל זה דוקא למאי דקיימא לן לעיל בסימן ס' ס"ד דמצות צריכות כונה, דאי לאו הכי אינו מותר רק דוקא אם מכוין בפירוש שלא לשם מצוה"** - פירוש: דער משנה ברורה זאגט, אז די תירוץ פון דער מגן גיבורים גייט נאר שטימען אויב מען האלט אז 'מצות צריכות כונה', וואס דעמאלטס זאגט מען טאקע אז איינמאל די זר האט 'נישט קיין כונה' איז ער נישט מקיים די מצות עשה פון ברכת כהנים, און ער איז נישט עובר, אבער אויב מען האלט אז 'מצות אינה צריכה כונה', דעמאלטס איז נישט גענוג אז מען האט 'נישט קיין כונה', ווייל אפילו די כהן האט נישט קיין כונה איז ער דאך אויך מקיים די מצוה, און אויף אזא אופן דארף מען האבן 'היפך הכונה', דהיינו מען דארף האבן א כונה אז מען איז דוקא נישט מקיים די מצוה פון ברכת כהנים.

וכדי להוסיף פרח וציץ איז כדאי וראוי אראפ צו ברענגן די תירוץ וואס דער **כתב סופר** (שו"ת אורח חיים, תשובה יד) שרייבט אויף דעם קשיא, און בעצם ענטפערט דער כתב סופר די זעלבע תירוץ ווי די מגן גיבורים אבער ער איז מוסיף א קליינע הוספה וואס לייגט צו א שיינקייט צו דעם תירוץ, וזה לשונו: **ויש מקום אתי ליישב בדברינו, ר"י שבתוספות שבת, דלא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן, והקשה בדרכי משה סימן קכח, הא סוגיא ערוכה היא בכתובות דזר העולה לדוכן עובר בעשה, וי"ל דלא ידע ר"י לרבי יוסי לשיטתו דסבירא ליה מצות צריכות כונה כמבואר בש"ס דפסחים קיד, עמוד ב, ולשיטתו אפשר שיעלה ויברך בלי כונת מצוה וליכא איסור כלל, ומה רבותא דלא עבר על דברי חביריו, ומאי אפילו דאמר אפילו יאמרו לי חבירי עלה לדוכן, הא בקל יכול לקיים דבריהם בלי נדנוד איסור כלל שלא יתכוין למצוה ואתי שפיר, ועיין** - פירוש: דער כתב סופר ענטפערט די זעלבע תירוץ ווי דער מגן גיבורים, אבער ער לייגט צו אז די תירוץ שטומט זייער גוט לויט רבי יוסי גופא. דהיינו, אין **מסכת פסחים** (קיד, ב) שטייט: **תניא רבי יוסי אומר, אף על פי שטיבל בחזרת, מצוה להביא לפניו חזרת וחרוסת** - פירוש: רבי יוסי זאגט אז מען דארף ברענגן צוויי מאל 'חזרת' פסח ביינאכט, איינס לטיבול ראשון פאר כרפס, און שפעטער דארף מען ברענגן נאכאמאל חזרת כדי צו מקיים זיין די מצוה פון מרור. און די חידוש פון רבי יוסי איז, אז מען זאגט נישט אז בעצם האט מען יוצא געווען די מצוה פון מרור ווען מען האט געגעסן די ערשטע מאל חזרת, וויבאלד רבי יוסי האלט אז 'מצות צריכות כונה', און אויב אזוי בשעת ער האט געגעסן חזרת די ערשטע מאל האט ער נישט אינזינען געהאט לשם מצות מרור, נאר ער האט געגעסן לשם כרפס, און וועגן דעם מיז ער עסן נאך א שטיקל חזרת כדי צו מקיים צו זיין די מצוה פון אכילת מרור.

זעהט מען פון די גמרא אין מסכת פסחים אז שיטת רבי יוסי איז אז 'מצות צריכות כונה', און אויב אזוי שטומט זייער גוט די מהלך פון די מגן גיבורים און דער כתב סופר און די מעשה פון רבי יוסי. דהיינו תוספות איז שווער געווען, אז שיטת רבי יוסי איז דאך אז מצות צריכות כונה, און אויב אזוי 'לא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן', וויבאלד רבי יוסי איז דאך נאר ארויף געגאנגען לדוכן כדי צו מקיים זיין דברי חביריו, איז אזא אופן איז בכלל נישט דא קיין איסור. כפתור ופרח!

## נספח - דברי המנחת חינוך בחצי כהן וחצי ישראל אם מותר לעלות לדוכן

דער גרויסער גאון און שר התורה **רבי יוסף באב"ד זצ"ל** אין זיין מפורסם'דיגע ספר 'מנחת חינוך' איז דן אין א אנטערעסאנטע שאלה

וואס עס קען אויסקומען ביי די 'איסור עשה' פאר א זר עולה צו זיין לדוכן, וזה לשונו (מצוה שע"ח): **וכבר ציירתי בחיבור זה כמה פעמים**[2] **דמשכחת לה חציו כהן וחציו ישראל** - פירוש: דער מנחת חינוך ברוב גאוניתו קומט אויף מיט אן המצאה, אז עס קען זיך מאכן אז א מענטש זאל זיין א 'חצי כהן' און א 'חצי ישראל', דהיינו ער זאל זיין א האלבע כהן און א האלבע ישראל. און כדי צו מסביר זיין ווי אזוי עס קען זיך מאכן, וועלן מיר עס שרייבן אין זיבן שלבים.

**שלב א** - צוויי אידן [ראובן און שמעון] האבן בשותפות א שפחה כנענית. **שלב ב** - ראובן איז משחרר דעם שפחה, אבער שמעון איז איר נישט משחרר, און אויב אזוי קומט אויס אז די שפחה איז יעצט א 'חצי שפחה' און א 'חצי בת חורין', דהיינו, האלב פון איר איז אין א מצב פון 'בת חורין', און די אנדערע האלב איז זי נאך א געהעריגע 'שפחה'. **שלב ג** - א ישראל קומט און האט חתונה מיט די חצי שפחה און חצי בת חורין [לעולם מעג נישט א ישראל חתונה האבן מיט א חצי שפחה וחצי בת חורין, איז דא גייט מען רעדן, אדער אז א ישראל האט עובר געוועהן און יא חתונה געהאט, אדער איז די ישראל געוועהן א 'עבד עברי' וואס איז מותר צו חתונה האבן מיט א שפחה]. **שלב ד** - דער ישראל מיט די חצי שפחה וחצי בת חורין האבן געבוירן א מיידל. די מיידל איז אויך א 'חצי שפחה' און א חצי 'בת חורין'. ווייל מצד איר מאמע האט זי אין זיך 'צד עבדות', און מצד איר טאטע איז זי א ישראל. **שלב ה** - א כהן קומט און האט חתונה מיט די מיידל. **שלב ו** - דער כהן מיט די מיידל געבוירן יעצט א זוהן, דער קינד די 'בן', איז מצד זיין מאמע האט ער אין זיך א חלק פון צד שפחה און מצד זיין טאטע איז ער א חצי כהן. און אנדערע ווערטער די בן איז א האלבע כהן, און א האלבע עבד[3]. **שלב ז** - יעצט קומט די שותף שמעון איז לייסט אויס די אנדערע חלק פון די שפחה [די באבע פון די קינד. ודו"ק]. און אויב אזוי קומט אז די קינד איז יעצט א 'חצי כהן', מצד זיין טאטע'ס זייט, און א 'חצי ישראל', מצד זיין מאמע'ס זייט.

נאכן האבן די מציאות פון א חצי כהן וחצי ישראל קומט דער מנחת חינוך און איז חוקר: **חציו כהן וחציו ישראל... בכהאי גונא אם עולה לדוכן** - פירוש: וואס גייט זיין די הלכה מיט די חצי כהן וחצי ישראל, צו מעג ער עולה זיין לדוכן אדער נישט, און דער מנחת חינוך איז ממשיך: **להסוברים דאין איסור בזר בודאי עולה לדוכן** - דהיינו, לויט די שיטת וואס האלטן אז א זר האט נישט קיין שום איסור עולה צו זיין לדוכן [כדמשמע מקושית התוספות, וכן נמצא לפי כמה אחרונים שפירשו את דברי התוספות שרבי יוסי חולק על הגמרא בכתובות, עי' לעיל], איז פשוט אז אזא כהן מעג עולה זיין לדוכן. **רק לפי שיטת הגמרא שלנו דזר עובר בעשה, אם כן בודאי אינו עולה, כי החצי חלק הכהן דמחוייב בעשה היאך יכול לדחות העשה שהזר אינו עולה בקום ועשה, הא אין עשה דוחה עשה** - פירוש: די כלל איז אז 'אין עשה דוחה עשה' (עי' פסחים נט, א 'מאי אולמיה האי עשה מהאי עשה'), און אויב אזוי קומט אויס אז דער חצי כהן וחצי ישראל האט אויף זיך דא צוויי מצות עשה, איין מצות עשה וואס ער דארף 'יא' טוהן, דהיינו ברכת כהנים, און די צווייטע מצות עשה וואס ער מעג 'נישט' טוהן, דהיינו אז א ישראל מעג נישט עולה זיין לדוכן, און די כלל איז דאך אז א עשה קען נישט דוחה זיין א עשה, און ער וועט נישט מעגן עולה זיין לדוכן.

זאגט אבער דער מנחת חינוך: **אך אם נאמר דהזר עובר בלאו הבא מכלל עשה כמו שכתב רש"י בכתובות, אם כן לשיטת הרשב"א הובאו דבריו במשנה למלך הלכות נערה בתולה פרק א הלכה ה** (ד"ה עוד ראיתי, השני) **דעשה דוחה לאו הבא מכלל עשה מכל שכן דלאו, עיי"ש, אם כן עולה לדוכן, דהעשה דצד כהן דוחה הלאו הבא מכלל עשה דצד ישראל** - פירוש: דער מנחת חינוך ברענגט אראפ א 'רשב"א' וואס איז מחדש אז די כלל פון 'אין עשה דוחה עשה' איז דוקא געזאגט געווארן אויף א פאל ווען עס איז דא צוויי מצות עשה וואס מען דארף 'יא' טוהן, אזוי ווי די דוגמא וואס שטייט אין **מסכת פסחים** (נט, א) אז א 'מחוסר כפורים' [א טמא'נע מענטש וואס האט נאכנישט געברענגט זיינע קרבנות, און ווילאנג ער ברענגט נישט זיינע קרבנות מעג ער נישט עסן קיין קדשים] וואס האט מקריב געוועהן א שלמים לנדבה, און ער האט נישט געברענגט זיינע קרבנות לכפרתו, און נאכדעם האט מען שוין מקריב געוועהן די תמיד של בין הערבים, און אויב אזוי קומט אויס אז ער קען נישט יעצט ברענגען זיינע קרבנות לכפרתו. און דא האט זיך געמאכט אז מצב פון איין עשה קעגן א צווייטע עשה. דהיינו דער מחוסר כפורים האט דא א מצות עשה פון אכילת קדשים פון זיין קרבן שלמים, און אזוי אויך האט מען דא די מצות עשה פון 'עליה השלם כל הקרבנות כולם' - דהיינו די מצות עשה אז אלע קרבנות וואס מען איז מקריב אין די בית המקדש דארף מען מקריב זיין 'אויף די תמיד של שחר', און די לעצטע קרבן דארף זיין די תמיד של בין הערבים, און אויב גייט ער מקריב זיין זיינע קרבנות לכפרתו יעצט נאך די תמיד של בין הערבים גייט ער מבטל זיין די מצות עשה פון 'עליה השלם כל הקרבנות כולם', איז אויף אזא אופן זאגט מען אז 'אין עשה' - דהיינו די עשה פון אכילת קדשים, 'דוחה עשה' - איז נישט דוחה די עשה פון עליה השלם, און ער מעג נישט מקריב זיין זיינע קרבנות לכפרתו. מה שאין כן ווען עס איז דא צוויי מצות עשה, וואס איין מצות עשה איז א מצות עשה וואס שטייט בפירוש אין די תורה, און די צווייטע מצות עשה איז אז 'לאו הבא מכלל עשה', דהיינו עס איז נישט קיין מצות עשה וואס שטייט בפירוש אין די תורה נאר מען לערנט עס ארויס פון די עשה, אזוי ווי די איסור עשה פון א זר צו עולה זיין לדוכן, וואס מען לערנט ארויס פון דעם וואס די תורה האט געגעבן א מצות עשה פאר א כהן צו בענטשען כלל ישראל, איז מכלל הן, לערנט מען ארויס אז איד טאר נישט, איז די איסור עשה וואס קומט מכלל עשה איז נישט אזוי שטארק ווי א געהעריגע עשה, און אויף א אופן וואס עס גייט זיך מאכן אז איינער האט צוויי מצות עשה, איינס א עשה וואס שטייט בפירוש אין די תורה, און די צווייטע וואס מען לערנט ארויס מכלל עשה, גייט די עשה וואס שטייט אין די תורה יא דוחה זיין די איסור עשה וואס מען לערנט ארויס מכלל עשה.

איז לפי זה זאגט דער מנחת חינוך דא ביי די חצי כהן וחצי ישראל, וואס מצד הכהן שבו האט ער א מצות עשה וואס שטייט בפירוש אין די תורה 'כה תברכו את בני ישראל', און מצד הישראל שבו האט ער א איסור עשה פון 'אתם ולא זרים', וועט מען זאגן אז די מצות עשה פון די צד כהן שבו איז דוחה די מצות איסור עשה מצד הישראל שבו, און ער גייט יא מעגן עולה זיין לדוכן!

---

[2] המנחת חינוך דן בתופעה זו כמה פעמים בספרו: 1. מצוה יח - בכור 2. מצוה קלד - מנחת כהן שנשרפת ואינה נאכלת 3. מצוה קסט - הבאת מצורע אל הכהן 4. מצוה שעח - ברכת כהנים 5. מצוה שצב - לפדות בכור אדם 6. מצוה תקח - ראשית הגז.

[3] 'האלבע' לאו דוקא, נאר עס מיינט אז עס איז דא אין די גוף א צד שפחה.